בעזהשי"ת

גליון ר"ז

וויאזוי צו לערנען:

# א שטיקל גמרא

די סיבות פארוואס אסאך מוטשענען זיך דערמיט
און די 'פשוטע זאכן' וויאזוי עס צו פארלייכטערן

ווי מער איר וועט נאכפאלגן דעם ספר, אלס מער וועט איר פילן
א 'געשמאק' אין לערנען און דעם 'זיסען טעם' אין א שטיקל גמרא

מכון תכלית הפשטות

# ברכת התורה

מעומק הלב ובהכרת טובה אנו מברכים ברכת תודה וברכה

אל מול פני הגה"צ כש"ת

רבי שמואל דוד סאקס שליט"א

אב"ד שכונת קעסקעיד וויליאמסבורג

על שהאיר לנו בטובו בהערותיו הנכונות הישרות והיה לנו לעינים

יהי רצון שיזכה להרבוץ תורה בישראל עוד רבות בשנים

מתוך בריות גופא ונהורא מעליא עד ביאת הגואל בב"א

כברכת המערכת

**כל הזכיות שמורות**

נטע יואל האלפערט

מרביץ תורה בישיבה תורה ויראה דסאטמאר - וויליאמסבורג

©

Copyright 2022

**פאר הערות און נדבות קענט איר קענט שיקן אן אימעיל צו**

**"מכון תכלית הפשטות"**

Hapashtis@gmail.com

**(646) 598-7074**

**צו באקומען פריערדיגע גליונות דריקט דא**

## זיבעצנ׳טער קאפיטל

# קלארקייט

גרשון, א פלייסיגער בחור, קומט אריין צום פארלערנען. זיין מגיד שיעור לערנט פאר הלכות שבת מיט געשמאק. ער הייבט אן די הלכה: אין מוללין מלילות בשבת, מען טאר נישט נעמען מלילות אום שבת, און עס מולל זיין, (סימן שי״ט ס״ו) און ער לאזט זיך אריין אין דער סוגיא.

גרשון וואונדערט זיך אביסל, וואס מיינט דאס מוללין מלילות? ער פארשטייט נישט פונקטליך וואס מ׳האט דא געלערנט. ער פרעגט א בחור: וואס מיינט עס? - זאגט מען אים: ס׳מיינט, אז מ׳טאר נישט מולל זיין קיין מלילות מיט די האנט אום שבת, מען מעג נאר מאכן אזוי מיט די מלילות ארום די שפיץ פינגער...

ער איז נאך אלץ אומקלאר. אבער ער קען אהיימגיין, און זאגן, היינט האב איך געלערנט אין מוללין מלילות בשבת. ער קען די הלכה. מ׳קען אים אפילו פארהערן... מ׳וועט אים פרעגן: וואס האלט דער מחבר? שבת מעג מען מולל זיין מלילות? וועט ער זאגן: נאר מיט די שפיץ פינגער. ער וועט האבן זייער גוט געענטפערט. אבער די פראבלעם איז נאר, אז ער ווייסט בכלל נישט וואס איז דאס ׳מלילות׳. און וואס מיינט צו ׳מולל זיין די מלילות׳, און פארוואס זאל דאס איינער וועלן מולל זיין..? וואס איז שלעכט אז די מלילות בלייבן אזוי...?

דאס איז א פראבלעם וואס געשעט אסאך, ווען מ׳הייבט אן א סוגיא. מ׳ווייסט נישט די ׳מיינונג פון די זאכן׳ פון וואס די סוגיא רעדט זיך, וואס דאס איז די יסוד און די אונטערשטע פונדאמענט, אונטער צו האלטן אויף דעם די גאנצע סוגיא. עס קען

אויסזען ווי א קליינגקייט, אבער מ'קען נישט אזוי פארשטיין קיין גמרא.

שטעל דיר פאר, מ'נעמט א איד פון אמאליגע צייטן, און מ'וויל דורכגיין מיט אים די הלכות וואס איז שייך שבת ביי 'א קאר', אבער ער האט אין זיין לעבן נאכנישט געזען קיין קאר. איז אפי' מ'ווען אים מסביר זיין אלע הלכות, אבער וויבאלד ער האט נאך נישט געזעהן קיין קאר, וועט ער נישט פארשטיין. ער וועט אפשר קענען נאכזאגן... אבער ער וועט זיך פילן ווי אין א וואלקן, די גאנצע צייט וואס ער וועט לערנען די סוגיא פון קארס. ער וועט בשום אופן נישט ארויסקומען קלאר, אפילו אויב ער איז א תלמיד חכם און האט די בעסטע קאפ.

אבער אויב איינער וועט אים נעמען, און פשוט ווייזן א קאר: קוקטס אהער ר' איד, ס'האט פיר טירן, דא פון פארנט איז דא א גרויס רעדל, דאס דרייט מען... מ'לייגט דא אריין א שליסל (דאס איז אנדערש ווי די שליסל פון א דירה...) איר זעט דא קנעפלעך? יעדעס קנעפל צינדט אן עפעס אנדערש אין די קאר...

יעצט, וועט ער פארשטיין וואס ער לערנט וועגן די הלכות פון א קאר. ער האט שוין די 'מושג' וואס א קאר איז.

אויב די בבלי'שע אידן, וואלטן געהאט א גמרא וואס רעדט זיך פון 'היינטיגע' זאכן, למשל א טרעקטער, א טעלעפאן, וואלטן זיי נישט פארשטאנען... און זיי וואלט געזאגט 'אזא שווערע גמרא' ס'איז ממש אוממעגליך ארויסצוקריכן..!

אזוי זעען מיר אויס, ווען עס קומט צו 'זייערע' מושגים און זייערע זאכן. ס'האט זיך היינט 'כמעט אלעס געטוישט', יעדע ארבעט ווערט געטון אנדערש פון אמאל.

אזוי אויך איז דא הלכות, ווי קרבנות מיט קדשים, וואס גייען ווערן נוגע נאכדעם וואס משיח וועט אנקומען, און ווילאנג משיח איז נאכנישט דא, פארשטייען מיר נישט אזוי קלאר די אלע מושגים, פשוט ווייל מיר 'זעען דאס נישט' מדי יום יום.

למשל, ווען איינער לערנט 'הקדש שלא נפדו' געשעט אפט אז מ'איז נישט 'קלאר', וואס איז דאס 'הקדש'? דאס הייסט, ער זעהט נישט פאר זיך א 'בהמה' וואס מ'האט מקדיש געווען, און מ'האט דאס אנגעגרייט ביי די זייט פונעם שטאל, צוגעבינדן עקסטער, יעדער גיבט אכטונג אויף דעם, מ'גיבט אים גוט צועסן... ווייל דאס באלאנגט אינגאנצן פארן אייבערשטען.

און ער ווייסט אויך נישט די נעקסטע סטעפ וואס מיינט 'אויסלייזן' הקדש, (ער ווייסט

נאר פון אויסלייזן רובאשקין...) ווייל זיין טאטע האט קיינמאל נישט 'אויסגעלייזט קיין הקדש' ווען ער איז געווען א קינד... און ער אליינס האט דאס אויך קיינמאל נישט געטון. ממילא איז ער אום-קלאר דערין.

און דערנאך, ווען עס קומט אריין די מושג אין די גמרא, געבט מען אזא 'פלי דורך' די ווערטער: הקדש שלא נפדו... און מען האלט שוין ביי די 'קשיא'!

ווער רעדט נאך ווען עס קומט צו די 'מאס' פון זאכן. [גרויסקייט אין סייז] א קב, א סאה, א הין, א רביעת ההין... און מ'ווייסט נאר 'בערך' וויפיל דאס איז. - מ'פרעגט איינעם: וואס איז א קב? עפעס א מין מאס... און א סאה? אן אנדערע מין מאס.. אביסל מער, אביסל ווייניגער. 'בערך...'

איז ווילאנג דו וועסט נישט נעמען די מיה, און די צייט, קלאר צו ווערן, וואס מיינט א קב, איינמאל פאר אלעמאל, ווערסטו אריינגיין אין א אומקלארקייט 'יעדעס מאל' וואס דו ווערסט טרעפן די ווארט קב! אויב אבער, דו ווערסט עס איינמאל קלאר מברר זיין, מיט א בילד פאר דיר, [און זיך עס איינ'חזרן, מיט א סימן] ווערט זיין פונקט פארקערט, יעדעס מאל וואס דו ווערסט טרעפן די ווארט קב, ווערט דיר 'ליכטיג ווערן', און דו ווערסט פארשטיין וואס דו רעדסט...

שטעלט דיך פאר, איינער שטייט אין א געשעפט און קויפט און פארקויפט ניסלעך. [למשל.] אבער ער ווייסט נישט פונקטליך וויפיל איז א פונט, אן אנס, צוויי פונט. און ער האט נישט קיין וואג עס אפצו-וועגן - ס'איז לעבעדיג אין געשעפט... - איז בכלל דא א מעגליכקייט אזא מענטש זאל מאכן געלט??

דערפאר, מוז מען זיך נעמען די צייט, קלאר צו ווערן מיט יעדן מושג וואס די טרעפסט אן. און זעה פאר דיר א 'בילד' פאר די אויגן. ווי איז דאס? וויאזוי דאס זעהט אויס? - נישט אומזינסט האט דער אויבערשטער באשאפן דעם וואונדערליכען "כח הדמיון". דאס איז געמאכט געווארן 'צו נוצן ביים לערנען..!'

ווייל דו גייסט נאך טרעפן דעם זעלבן ווארט, זייער אסאך מאל. אז דו ווערסט עס נישט מברר זיין יעצט, 'ווען ווערסטו עס יא מברר זיין'...? אם לא עכשיו אימתי. דער יצר, ווערט קומענדיגע מאל אויך דא זיין... זיי עס 'יעצט' מברר, דו האסט די וועלט'ס צייט.

לאמיר נעמען איין ביישפיל.

יעדער ווייסט וויפיל מן יעדער איד האט געקליבן אין מדבר, אן 'עומר'. - אבער נישט יעדער ווייסט פונקטליך וויפיל דאס איז - אסאך? ווייניג?

אבער וואלט נישט געווען אינטערסאנט צו וויסן, וויפיל עסן האט מיין זיידע געהאט אויף א גאנצן טאג..? פרישטאג מיטאג נאכטמאל אינאיינעם?

אז מ'קוקט אריין אין די גמרא, אין אפאר פלעצער אין ש"ס (עירובין פג: וברש"י שם. שבת טו. וברש"י שם. פסחים מח: וברש"י שם הובאה ברש"י בשלח טז לו) זעט מען אז אן עומר איז א שיעור פון מ"ג ביצים וחומש ביצה, 'דריי און פערציג אייער' [מיט נאך א פינפטל פון אן איי.] שטעל דיר פאר, בערך דריי א-האלב דאזן אייער, אויפגעקלאפט אין א שיסל, ווי גרויס איז דאס...? - אה, דאס איז א עומר.

אויב אזוי, מיינט דאס אויך, אז ווען די תורה הייסט ברענגען דעם 'קרבן עומר' דעם צווייטן טאג פסח, פון די פריש געוואקסענע גערשטן, און דערנאך ציילן פון דעם ספירת 'העומר'... מיינט עס אז די קרבן איז געווען געמאכט פון גערשטן מעל, א שיעור פון אן 'עומר'... (רש"י אמור כג י')

יעצט, דער פסוק אין סוף פרשת המן, ענדיגט זיך מיט די ווערטער 'והעומר עשירית האפה הוא'. זעען מיר אז די צוויי מאסן זענען די זעלבע. עומר - צענטל אפה, דאס איז איין זאך.

'עשירית האפה' דאס איז שוין א זאך וואס ווערט דערמאנט גאר אסאך אין די תורה. ווייל יעדע קרבן 'מנחה' איז געבויעט אויף דעם שיעור. (מנחות פז. רש"י ויקרא ב א) אין ביהמ"ק איז געווען א כלי, גרויס אן עשרון, און יעדע קרבן מנחה האט געדארפט געמאסטן ווערן דערמיט. (מנחות פז. רמב"ם מעשה הקרבנות פ"ב ה"ח) אה, ווייסן מיר שוין ווי גרויס א קרבן מנחה איז; א שיסל מיט דריי און פערציג אייער פון 'מעל', אריינגעמישט אויל. (עס ווערט אזא אויליגע טייג...) אין די תורה ווערט עס אנגערופן 'עשירית האפה', אדער 'עשרון סולת'.

יעצט איז מיר קלארער ווען איך זאג 'וידבר' פאר מנחה: 'ועשירית האפה' סולת למנחה... אויך ווען איך דאווען מוסף: שלשה 'עשרונים' לפר, [דריי מאל 43 אייער, מיטן גרויסן פר] ושני 'עשרונים' לאיל [צוויי מאל 43 אייער פארן קלענערן איל]. ועשרון לכבש. [איין 'עשרון' פארן קליינעם שעפעלע...]

דערנאך האבן מיר די משנה אין חלה (פב מו) חמשת רבעים קמח חייבין בחלה. ווי די גמרא זאגט (עירובין פג: שבת טו. וברש"י שם. עדיות פא מב פסחים מח: וברש"י שם ד"ה חמשת רבעים) אז דאס איז אויך

דער שיעור פאר 'חלה'. דאס הייסט, מען דארף נאר אפשיידן חלה פון א טייג, אויב מען באקט א שיעור פון 'דריי און פערציג אייער' פון מעל. און אזוי ווערט גע'פסקנט אין שו"ע. (יו"ד שכד א'). דער ש"ך דארט (סק"ב) גיבט א שיינעם סימן, אז דער שיעור איז כמנין 'חלה' [ולרמז עוד חומש, יש ה' בסוף תיבת חלה (שם)]

(אין די אלע סוגיות, איז אודאי דא אסאך אנדערע זאכן אויסצורעכענען. אבער קודם מוז מען האבן 'די פשוטע יסודות' ווי גרויס יעדע שיעור איז, יעצט קענסטו זיך גיין אריינטון אין די שיעורים פון צל"ח, חת"ם סופר, חזון איש, גר"ח נאה, ועוד ועוד...)

האסטו יעצט פיר זאכן וואס דו ביסט קלאר, דורכן מברר זיין 'איין מושג'.

אזויפיל 'מן' האט א מענטש באקומען א טאג.

אזויפיל איז די 'עומר התנופה' פון ספירה ציילן...

אזויפיל איז א געוועגדליכע מנחה.

און דאס איז די שיעור פון אפשיידן חלה.

אה, נאך איין זאך... אז די ווילסט זיין געזונט, זאגט די גמרא (עירובין פג:) אז דאס איז דער שיעור, וואס א נארמאלע מענטש דארף עסן א טאג.

אזעלכע זאכן, זענען ידיעות התורה וואס יעדער מענטש דארף זיך כסדר איינקויפן מער און מער. און זאל דיר קיינער נישט איינרעדן, אז ס'איז א שאד די צייט צו פארברענגען צו מברר זיין אזעלכע קליינע זאכן...

וואס דארפן מיר גרעסער פון 'רב' דער גרויסער רבי פון בבל. וואס דערציילט אין די גמרא: (סנהדרין ה:) איך בין געגאנגען וואוינען ביי א רועה בהמות, און זיך געדרייט צווישן די בהמות, אכצן חדשים! ווייל איך האב געוואלט וויסן וואס איז א מום עובר, און א מום קבוע. וועלכע פעלער גייט פאריבער, און וועלכע בלייבט. דערפאר האט ער אכצן חדשים געוואוינט פארוואָרפן צווישן די בהמות. ער האט זיך נישט געיאגט צו ענדיגן ש"ס, ער האט עס געוואלט מברר זיין איינמאל פאר אלעמאל.

ער איז נישט געווען צופרידן צו סתם זאגן די ווערטער 'מום עובר'.. 'מום קבוע'... ער האט געמוזט וויסן 'וואס דאס איז'!

אונז דארפן נישט אהין מופן קיין אכצן חדשים. אבער מען דארף זיך יא נעמען 'פופצן מינוט' צו גיין וואוינען דארטן ביי דעם מושג. יא. מיט די מחשבה זאל מען 'ממש זיין

דארט'. אין מיטלעבן. אדער פרעגן איינעם וואס ווייסט... און זיי מברר 'דעם ווארט' וואס מיר טרעפן אזויפיל מאל אין די גמרא, מיט א פונקטליכקייט און מיט א 'בילד' פאר די אויגן.

דערציילט א יונגערמאן א זיסע מעשה'לע.

ווען איך בין געווען אין כולל איך האב געלערנט הלכות שבת, איינמאל ביי א שיעור אין 'הלכות בורר', האט דער ראש הכולל ארום-געארבייט וואס מ'מעג קלויבן און וואס נישט, און ער האט אזוי גוט מסביר געווען אז ער האט זיך פארגעשטעלט דאס בילד ווי ער האט פאר זיך שבת'דיגע עסן, ער איז געווען אזוי אריינגעטון אין לערנען, אז אינמיטן האט דער ראש הכולל געוואלט אביסל ריקן זיין היט אויפן קאפ, לייגט ער די הענט פון אויבן, און ער פראבירט עס אנצוכאפן ווי מ'כאפט אן א שטריימל, ביים קאפל... ער געט א טאפ אן, און פילט ער כאפט אן א היט!.. זאגט ער: אוי, ס'האט זיך מיר געדאכט אז ס'איז שבת... ער האט הנאה געהאט, אז ער האט שוין ממש געמיינט, אז ער האט אן א שטריימל אויפן קאפ...

אזוי דארף מען לערנען. מ'דארף זעהן די בילד פאר זיך, און מען דארף 'זיין דארט'.

די זעלבע זאך ווען דו טרעפסט אין די גמרא איינער פון די 'מדות' שהתורה נדרשת בהן, למשל 'רבוי ומיעוט ורבוי' אדער 'היקש', זיך צו גיבן די ביסל צייט, און זיך באקענען מיט די 'מידה'. א היקש וועט זיך זיכער לערנען געשמאקער, ווען מען ווייסט וויאזוי א היקש 'ארבייט'. מ'קען עס טרעפן אויף אסאך פלעצער למשל סוף מס' ברכות איז דא כללי המידות, ועוד.

האב נישט מורא, עס הייסט נאך נישט לערנען בעיון... עס איז סתם לערנען און פשוט פארשטיין, אז די זאך זאל 'לעבן'.

יעדע מושג וואס דו האסט מברר געווען האסטו זיך איינגעקויפט נאך א טייערן דיימאנט שטיין וואס דו וועסט זיך מיט דעם קענען שפילן, און ס'וועט דיר שיינען און דיר העלפן לערנען ווייטער, נישט נאר אין דעי סוגיא, נאר אין אזויפיל אנדערע סגיות.

אבער אויב דו וועסט נישט נעמען די 'ביסל צייט' עס צו מברר זיין, און עס אפשטיפן אויף נעקסטע מאל, וועסטו דאס דעמאלס אויך אפשטופן... און יעדעס מאל וואס דו גייסט עס אנטרעפן וועסטו דיך נאכאמאל מוטשענען, און פילן א ציפ אין הארץ, 'די

גמרא איז אזוי שווער׳ ס׳איז נישט קלאר. - אנטשולדיגט; די גמרא איז נישט שווער, ס׳איז סתם נישט באקאנט פאר אונז געוויסע פשוט׳ע זאכן... אבער ׳די פשוטע זאכן׳ מוז מען זיך אויסלערנען. נישטא קיין אנדערע ברירה. און יעדע מושג וואס איר לערנט זיך אויס, וועט אייך די גמרא ווערן פשוט׳ער.

אזוי אויך, גיבט עס צו אסאך ׳אינטערסאנטקייט׳, און מאכט אז מ׳זאל מער הנאה האבן פון די גמרא, פשוט ווייל ער פילט זיך אינדערהיים, ער ווייסט פון וואס מ׳רעדט. יעדער האט ליב צו שמועסן פון א נושא וואס ער איז ׳באקאנט דערין׳. א סופר איז אים געשמאק צו רעדן פון פארמעט, א בעקער פון קוכענס, א מעכאניקער פון מאשינען... ווייל אין דעם ׳קען ער זיך אויס׳.

איינער וואס האט נישט קיין ידיעה פון וואס מ׳איז דן - אוודאי האט ער נישט קיין הנאה פון די גמרא. - ווער וויל דען מיטהאלטן א שמועס ווען ער ווייסט ניטאמאל ׳פון וואס׳ מען שמועסט..? ער זיצט ביי א מיטינג, מ׳איז דן וועגן א נייע סארט געשעפט, אבער ער איז אריינגעקומען אינדערמיט, ער הערט האלבע ווערטער, ער ווייסט נישט פון וואס מען רעדט... ער קען זיין דער קלוגסטער מענטש, אבער ער קען נישט זאגן קיין מיינונג... חוץ מזה, גייט ער זיך פילן נישט אין פלאץ... עס וועט אים ווערן לאנגווייליג, ער גייט נישט בלייבן זיצן דארט צו לאנג...

אבער ווי נאר ער הערט ׳פון וואס׳ דא האנדלט זיך, האט ער שוין א גאנצע מיינונג. יעצט איז אים שוין אינטערסאנט צו זיצן דארט.

דאס זעלבע איז ביי ׳הלכות טומאה וטהרה׳ איז פאר אסאך מענטשן נישט אזוי געשמאק צו לערנען... אבער ׳ווי מער׳ די וועסט זיך איינחזר׳ן די פשוטע כללים, וואס איז אבי אבות הטומאה, אב הטומאה, ראשון לטומאה, שני, שלישי, די פשוטע סדר וויאזוי זיי ארבייטן, וועלכע זאך איז מטמא וואס? [מיט בילדער אין קאפ..] איז אנשטאט קרעכצן... גייסטו ׳ווארטן׳ צו טרעפן א גמרא וואס רעדט פון טומאה וטהרה, ווייל די פילסט אינדערהיים, דא בין איך באקוועם. די ווילסט נאכאמאל זען צו ׳אלעס שטומט׳ מיט דיינע איינגעחזר׳טע כללים...

אמת, צו קענען א גמרא קלאר, איז דא אסאך זאכן וואס פעלן זיך אויס, און אין יעדע ארטיקל פון דעם ספר, פראבירן מיר בעזה״ש צו גיבן אביסעל קלארקייט אויף אן אנדערע חלק הלימוד. אבער דאס, אז מען מוז וויסן ׳פון וואס׳ מען רעדט, און האבן פאר זיך א פיקטשער דערפון, דאס איז די ערשטע שטאפל פון קלארקייט.

און פונקט דאס, ווערט איגנארירט דורך אסאך מענטשן, ווייל זיי טראכטן אז דאס איז נישט אזוי וויכטיג... - וואס איז עס שוין סך הכל? א ביסל'ע דמיון וויאזוי עפעס א אלטע כלי זעהט אויס..? איך דארף יעצט זיין פארנומען מיט דמיונות?! די עיקר איז אז איך קען גוט די 'הלכה'.

אבער די פראבלעם איז, אז אויב מ'ווייסט נישט גוט די 'מציאות' פון די זאך, קען ער טאקע די הלכה, אבער ער ווייסט נישט 'ביי וואס' די הלכה גייט אן...

ער לערנט די הלכה פון די משנה, ער ווייסט אז ס'איז מותר - אבער ער ווייסט נישט 'וואס' איז מותר. און דערנאך די סיפא, ווייסט ער אז ס'איז 'אסור' - אבער ער ווייסט נישט 'וואס איז אסור'.

און ווען די גמרא נעמט זיך דן זיין, און ברענגען ברייתות מיט ענדליכע מציאות'ן... וואס געשעט דעמאלס? עס ווערט באשאפן אזא גאנצן עמוד פון אום-קלארקייט... אלעס ווייל ער האט נישט געזען פאר זיך א 'בילד' אין די משנה. - און נישט געוואוסט קלאר 'וואס איז געווען די מעשה?'

אבער אסאך מענטשן גייען נישט געהעריג דורך די מציאות'ער פון די משנה מיט די פולסטע ערנסקייט.

בכלל איז דא געוויסע, וואס זיי לערנען די משנה נאר כדי ס'זאל נישט 'שטיין אין וועג...' ווייל איך לערן דאך יעצט נישט קיין משניות...!

און אויב שוין יא, צילט מען בעיקר אויף די 'הלכה', ווייל איך וויל דאך יעצט עפעס "לערנען.." אבער די 'מעשה' גיבט מען סתם אזא מאל אפ..!

מען דארף אבער אינאכט נעמען, אז יעדע הלכה פון די תורה, האט א 'מעשה', א 'מציאות' וואס איז געשען קודם. דאס הייסט אז 'עפעס' א מעשה האט געמוזט [האבן געקענט] זיין, אז יעצט זאל מען דארפן אויספירן די הלכה. - אויב ס'וואלט גארנישט געשען, וואלט נישט נוגע געווען די הלכה... איינער האט געמוזט עפעס האבן צוטון מיט זיין חבר, אז ס'זאל קענען געשען א שאלה בהלכות נזיקין. מען דארף יעצט ברענגען עפעס א קרבן, עס זאל געשען 'סדר קדשים'. אין עס מוז זיין יו"ט אדער שבת אז ס'זאל נוגע זיין 'סדר מועד'...

אבער אסאך מאל, איז א מענטש מער אריינגעטון אין די הלכה ווי אין די מעשה. ווייסט מען די הלכה בעפאר די מעשה/פיקטשער..

אבער די אמוראים זענען נישט געווען צופרידן פון אזא לערנען. ווי מען קען זען, אז דאס איז איינער פון די נארמאל'ע שאלות וואס די גמרא וועט פרעגן, 'וואס איז געווען די מעשה'?

דאס זענען די באקאנטע קשיות; היכי דמי? היכי משכחת לה? במאי עסקינן? וויאזוי רעדט זיך עס, ביי וואסערע מעשה? - די אמוראים האבן זיך געמוטשעט צו פארשטיין די 'מעשה/מציאות' פון די משנה... [נאכנישט די הלכה...] זיי האבן געהאלטן אז ס'איז וויכטיג..!

און וואס ענטפערט די גמרא..? - 'הכא במאי עסקינן...' ס'רעדט זיך אז די 'מעשה' איז געווען אנדערש...

אה, יעצט ביים תירץ, מיינט עס געווענדליך, אז יעצט איז דא א נייע מעשה, מיט א נייע 'פיקטשער' זיך פארצושטעלן.

באמת זעען מיר שוין אין די תורה, אז 'משה רבינו' האט אזוי געלערנט מיט די אידן. ווי רש"י אין פרשת שמיני (יא ב') אויפן פסוק זאת החי' אשר תאכלו, ברענגט ער פון חז"ל (תו"כ יא סב) מלמד שהיה משה אוחז בחי', ומראה אותה לישראל 'זאת תאכלו וזאת לא תאכלו', משה האט געהאלטן אין די האנט יעדעס פייגל, און יעדע מין שרץ, שרץ המים, שרץ העוף, און געוויזן 'וזה לכם הטמא', את 'אלה' תשקצו.

די אלע חיות און שרצים דרייען זיך נישט נארמאלערהייט אין מדבר... זיי קענען נישט איבערלעבן דארט. דאס איז לכאורה אהינגעקומען דארט בדרך נס. - אבער וואלט נישט גענוג געווען אז די אידן אין מדבר זאלן זיך סתם איינחזר'ן אלע נעמען פון די טהור'ע און טמא'נע חיות? פארוואס האט אויסגעפעלט צו מאכן ניסים? זאג די הלכה און פערטיג.

זעט אויס, אז א 'לעבעדיגע בילד' איז יא וויכטיג...

און דאס, 'שלעפט אריין דעם קאפ' אין די גמרא...! ווייל איך לערן נאכנישט א שווערע זאך... איך שטעל מיר נאר פאר, עפעס א בילד... גאנץ געשמאק... דער מח שטעלט זיך נאכנישט קעגן... (א מעשה איז אלס געשמאק...) און איין מאל דו ביסט 'דארט', קענסטו שוין האנדלען, און ארום ארבייטן מיט די זאך. דו ביסט שוין ארויס פון דיינע פראבלעמען און טרדות.. דו ביסט געווארן ביזי מיט עפעס אנדערש... דו ביזט שוין אין א אנדערע וועלט, דיין מח איז שוין אויפן פארם... א קו עסט גראז אזוי געמיטלעך... קומט

א ווילדער אקס צולויפן, און שטויסט אריין זיינע הערנער אינעם נעבעכ'דיגן קו אריין... וואס צוט זיך אויס א פגר.

דער אקס, ווארפט אן א פחד אין געגנט... דער איז א שרעקעדיגע כלי... ס'איז נישט דאס ערשטע מאל וואס ער טוט אפ אזא פארברעך, דער איז שוין א מיעוט! מ'האט שוין געווארנט זיין בעה"ב ער זאל אים נישט ארויסלאזן, אבער ער איז א איש בליעל... זיין אקס מאכט חרבנות אין שטעטל, און אים גייט גארנישט אן.... - ווואלסטו אים נישט געקנס'עט צו באצאלן 'נזק שלם'?

די זאך באקומט 'לעבן'. - ס'איז מער נישט קיין טריקענע כללים: שור תם 'חצי נזק' שור המיעוט 'נזק שלם'. - ניין די זאך 'ארבייט מיט שכל' די נעמסט זיך אליינס צו טראכטן סברות התורה. זאכן ווערן 'פארשטענדליך', שכל'דיג, און לעבעדיג.

און ס'פילט זיך מער 'נוגע' להלכה, ווייל דו ביזט דארט. דו זעסט עס 'געשען...' די לעבסט מיט דעם. דאס איז היינט דיין 'נייעס' פארן טאג...

*

ס'איז דא א זאך וואס העלפט באקומען קלארערע בילדער, איז די זאך פון 'זיך טייטשן' די ווערטער.

טייטשן, איז א זאך וואס אסאך מענטשן קוקן עס אן ווי א קינדערישע זאך... (ווייל איך ווייס דאך די טייטש פון דיווארט, קען איך עס סתם דורכלויפן.) אבער ס'איז נישט ריכטיג, טייטש איז נישט נאר פאר קינדער אז זיי זאלן וויסן די מיינונג פון די ווארט, ס'איז אויך פאר א מענטש וואס ווייסט שוין די טייטש, אבער ער וויל עס יעצט 'בעסער' פארשטיין. איז דורכן עס איבערזאגן אין 'נאך א שפראך' מאכט עס אויף דעם קאפ, און עס 'מיינט עפעס מער' צום לומד.

ס'קען אויסזען ווי א נישטיגע זאך... אבער ווער ס'פראבירט עס א שטיקל צייט, וועט זען פון וואס מ'רעדט... - פשוט, זיך שיין איבערטייטשן די ווערטער.

ווי מיר האבן געשריבן פריער (ביי די ענין פון חזר'ן) פון גדולי ישראל וויאזוי זיי האבן געלערנט, זיי פלעגן זיך שיין טייטשן די ווערטער.

מ'קען אמאל זען ביי בחורים, מען קומט זיך פארהערן 'הגוזל עצים' [למשל]. יעדער קען ענפערן אין א רגע 'משלם כשעת הגזילה!' אבער ווען מען פרעגט א שאלה פון א מעשה אויף אידישע ווערטער אויב א בחור האט ארויסגעכאפט העלצער פונעם מענידשער אין געבויעט א לאקער (שאנק)... - אה... פון דעם האב איך נישט געטראכט...

ווערטער וואס מ'נוצט אסאך, קענען ווערן ווי סתם א 'לחש' אין קאפ 'משלם כשעת הגזילה', עס הערט אויף צו מיינען זאכן... און דער לחש ווערט קאנעקטעד מיט א נאמען למשל תנא קמא. און מען חזר'ט זיך איין, דער ת"ק האלט 'די ווערטער'... - ר' שמעון האלט 'אנדערע ווערטער....'

אבער אז מ'טייטשט די ווערטער, שטעלט עס אביסל אפ דעם 'געלויף' און מען טראכט 'נאך א סקונדע' פון דעםווארט וואס איך האב נארוואס ארויסגעזאגט פון מויל...

ווייל יעדע ווארט 'מיינט עפעס'. ס'איז דאך נישטא איין איבריגע ווארט אין די תורה, און דורכן עס 'עקסטער אפטייטשן' און טראכטן 'וואס קען די ווארט מיינען' הייבט מען אן צו באמערקן זאכן וואס שטייען אין די ווערטער פון די גמרא.

ווי א מורה הוראה האט אמאל געזאגט: עס קען געשען אז א בחור זאל זיך קומען פארהערן די הוראה און ער קען אלעס זייער גוט, אבער א אפענע מחבר האט ער פארזען...

אזויפיל מאל, איז דא א חלק הפשטות אין די גמרא וואס מ'באמערקט ניטאמאל. און דורכן פשוט טייטשן און 'גיבן מיינונג' כאפט מען וואס דא שטייט.

ווייל מען טייטשט נישט נאר וועגן די טייטש... מען טייטש צו 'פארשטיין'.

*

לאמיר רעדן פון נאך איין זאך וואס ברענגט קלארקייט. דאס איז דער ענין פון "אפטיילן זאכן איינס פון אנדערן".

אז מען קוקט אריין אין חומש, די פרשיות זענען שיין אפגעטיילט און מסודר ביי יעדן אין קאפ. אפילו אין פרשת משפטים, ווען מען לערנט 'וכי יגח שור' - ווערט מען נישט צומישט פון 'עבד עברי'.

אבער אנדערש איז ביי גמרא ווערט עפעס די גאנצע פרק [אדער מסכתא]

אויסגעמושט אלס איין גרויסע קוגל. די גמרא איז פול מיט פארשידן-ארטיגע סוגיות, גאר אנדערש איינס פון צווייטן, דאך פילן זיי עפעס נישט אפגעטיילט, און עס דאכט זיך עפעס ווי איינס 'לויפט אריין אינעם אנדערן...'

די גמרא איז נישט אנגעצייכנט מיט קיין פסוקים, און קיין פרשיות, ווי אין חומש...

יעצט שטעל דיר פאר, אויב די 'תורה' וואלט נישט געהאט קיין איינגעטיילטע פסוקים... וויפיל שווערער וואלט געווען צו לערנען חומש רש"י?

אדער אויב דער 'שולחן ערוך' וואלט געווען איין לאנגע נוסח. דער מחבר, רמ"א, ט"ז, מגן אברהם, וואלטן נישט געווען איינגעטיילט מיט סימנים סעיפים און סעיף קטן'ס... ווי געוואלד! עס וואלט ממש נישט מעגליך געווען צו לערנען שו"ע. מען וואלט זיך געדארפט שרעקליך מוטשענען, נאר פשוט צו וויסן, ווי א זאך הייבט זיך אן, און ווי עס ענדיגט זיך.

דאס אליין וואלט גענומען א האלבן טאג...

אבער די גמרא איז אביסל אזוי... עס איז אויסגעמישט מימרות פון תנאים מיט אמוראים פון הונדערט'ער יארן! קורצע הלכות מיט לאנגע טענה'רייען. הויא אמינא'ס מיט מסקנות, ברייתות פון יעדע מין סוגיא אין די וועלט, חכמים פון צען דורות... צאמגעמישט אלס 'איין בלאט גמרא'.

אזוי איז עס, גמרא איז זייער נישט 'צוטיילט'.

אפילו נאר אויב 'תהילים' וואלט נישט געהאט קיין קאפיטלעך, נאר פינף לאנגע ספרים פון תהילים, וויפיל שווערער וואלט געווען צו זאגן תהילים? - [יעדער האט אלס ליב צו זאגן די קורצע קאפיטלעך...]

די גמרא זעט אסאך מאל אויס ווי עס האט נישט קיין סוף... ווילאנג איך קום נישט אן צו א סוף פרק, אדער איך ענדיג די מסכתא, אדער גאר ש"ס! ציט זיך ממש איין לאנגע קאפיטל, און איין גרויסע ים פון ווערטער.

דאס איז באמת א שוועריגקייט.

איז דא אויף דעם זייער א פיינע עצה... - פשוט, 'מאך עס אליין...' צוטייל די גמרא מיט קלארע שטארקע סימנים.

ווען די ענדיגסט א בלאט גמרא, גיי צוריק און זוך אויף: ווי טוישט די גמרא דעם

ענין? ווי הייבט זיך אן א נייע מימרא? אין מאך א שיינעם גרויסן סימן. [מיט א פעדער האב נישט מורא צו דיין גמרא בלייבט געגוג שיין... דאס איז די שיינקייט פון א גמרא. די וועסט דיך מחי' זיין דערמיט ביים איבערלערנען. דיין גמרא ווערט אסאך מער א ווערטפולע זאך..! (דיינע אייניקלעך וועלן זיך נאך קריגן איבער דעם...)

[איך האב אמאל געזען א גמרא פון א געוויסן תלמיד חכם וואס ביי יעדן פלאץ ווי עס באלאגט צו זיין צוויי פינטלעך, האט ער האט אפגעטיילט די ענינים מיט אזא צייכן ממש פון אנהייב שורה ביזן סוף. ס'איז געווען געשמאק צו קוקן אין אזא גמרא, עס האט צוגעגעבן א געוואלדיגע קלארקייט.]

צוטייל די גמרא, ווייל באמת "איז עס איז צוטיילט!" א בלאט גמרא איז נישט איין לאנגע זאך...! עס איז געווענדליך אפאר עקסטערע זאכן. אז די וועסט קוקן וועסטו זען.

נישט נאר ווי ס'איז דא צוויי פינטלעך [כזה :] ענדיגט זיך א סוגיא. עס וואלט געדארפט זיין צוויי פינטלעך אויף נאך 'אסאך' פלעצער. קוק אין די אור אלטע גמרות, וועסטו זען וויאזוי עס איז אסאך מער צוטיילט. צימאל איז דא אביסל ליידיג פלאץ צווישן צוויי ענינים, אדער הייבט זיך אן א נייע ענין מיט גרעסערע ווערטער. אבער אין אונזער ש"ס איז עס נישט דא.

'דפוס ווילנא' איז באמת א ווינדערליכער יצירה, - אבער ס'האט די שוועריגקייט אז די גאנצע גמרא קען אויסזען ווי איינס, און ס'איז דא צוויי פינטלעך אויף גאר ווייניג פלעצער. - מ'דארף וויסן, די פינטלעך איז נישט פון רב אשי... אויך נישט פון די רבנן סבוראי...

עוז והדר האט שוין לעצט'נס אריינגעלייגט מער [איינס'עלנע] פינטלעך, וואס איז זייער גוט, אבער דער לומד אליינס דארף מאכן אסאך מער...

אז די וועסט אפטיילן די ענינים, איז ביים קומענדיגען מאל לערנען, ווען די עפנסט דיין גמרא, זעסטו גלייך: אה.. 'דאס איז א אנדערע שמועס...' 'דאס איז א עקסטערע ענין פאר זיך.' דא גייט מען א האלבן עמוד רעדן פון שיטת רבי שמעון. דא קומט דריי וועגן וואס די גמרא גייט פראבירן צו פושט זיין אן איבעיא.. דא קומט א שיינע לאנגע ברייתא. דא רעדט די גמרא אביסל פון 'איין שטיקל' פון די ברייתא...

ווער רעדט נאך ביי 'אגדתא' איז עס גאר שטארק צוטיילט. ס'קען ממש זיין א נייע מימרא יעדע צוויי שורות. אוודאי איז עס מענין לענין באותו ענין, אבער דאך דארף מען

אפטיילן די מימרות איינער פון צווייטן, אז נישט געדענקט מען גארנישט.

די גמרא ווערט 'קלארער', ווייל איך ווייס 'ביז דא רעדט מען פון דעם, און פארטיג', די שמועס איז פארטיג! מען קען 'שולט זיין' אויף די זאך! און האלטן אין די האנט דעם גאנצע ענין 'פון אנהייב ביזן סוף'.

און אפילו אויב שפעטער איז דא נאך א גמרא וואס רעדט אויך פון דעם, קענסטו עס גרינגער צאמשטעלן אהער, ווייל די איבריגע זאכן זענען גוט אפגעטיילט. ס'איז נישט אלעס איין גרויסע טשולענט...

און די גמרא ווערט 'גרינגער'. ווייל א קורצע זאך איז אלעמאל גרינגער אויפן מח... (ווער וויל דען נישט א גרינגע גמרא?...) ווייל אז מען טיילט אפ וואס דארף זיין אפגעטיילט, ווערט 'סדר' אין די גמרא, און דאס אליינס ברענגט א שטארקע קלארקייט בעזר השם.

****

## טראכט אריין

אויב די אמאליגע אידן, וואלטן געהאט א גמרא, וואס רעדט זיך פון א 'טרעקטער', א 'טעלעפאן', וואלטן זיי נישט פארשטאנען, און זיי וואלט געזאגט: 'אזא שווערע גמרא...' ס'איז אוממעגליך ארויסצוקריכן..!

## בשעת'ן לערנען

זיי 'דארטן' ביי דעם מושג. - מיט די מחשבה זאל מען ממש זיין דארט.

## זיי קלאר

זעה פאר דיר א 'בילד' פאר די אויגן, 'ווי' איז דאס? 'ווי אזוי' זעהט דאס אויס? - נישט אומזינסט האט דער אויבערשטער באשאפן דעם וואונדערליכען "כח הדמיון". דאס איז געמאכט געווארן 'צו נוצן ביים לערנען..!'

## גוטע נייעס

דאס 'שלעפט אריין דעם קאפ' אין די גמרא...! ווייל איך לערן נאכנישט א שווערע זאך... איך שטעל מיר נאר פאר עפעס א בילד... גאנץ געשמאק... דער מח שטעלט זיך נאכנישט אנטקעגן, - און איין מאל דו ביסט 'דארט' קענסטו שוין האנדלען... און ארום ארבייטן מיט די זאך.

## נעם און אכט

די גמרא איז נישט שווער. ס'איז סתם נישט באקאנט פאר אונז געוויסע פשוט'ע זאכן. און 'די פשוט'ע זאכן' מוז מען זיך אויסלערנען... נישטא דא קיין ברירה.

## געדענק

איינמאל די די 'מושג' איז קלאר, איז עס קלאר אויף אלע הונדערט'ער מאל וואס די גייסט עס אנטרעפן בעזהשי"ת

## פארשטיי

מען טייטשט נישט נאר וועגן די טייטש... מען טייטש צו 'פארשטיין'.

## גיב א קוק

נישט נאר ווי ס'איז דא צוויי פינטלעך [כזה :] ענדיגט זיך א סוגיא, עס וואלט געדארפט זיין צוויי פינטלעך אויף נאך 'אסאך' פלעצער. און דו 'דארפסט עס מאכן אליינס'!

## זיי מסודר

צוטייל די גמרא, ווייל באמת 'איז עס איז צוטיילט'. א בלאט גמרא איז נישט איין לאנגע זאך...! עס איז געוועינדליך אפאר עקסטערע זאכן.

# פאלגט נאך די קומענדיגע ארטיקלען:

- לאמיר רעדן אפען
- צוריק קיין איראק
- אויף איין טיש מיט די אמוראים
- וואס איז גמרא?
- פארוואס לערנען מיר גמרא?
- צוויי וועלטן
- "ברייתות" וואס איז דאס?
- וועג ווייזערס
- אזויפיל קשיות?
- אזויפיל אמוראים?
- אזויפיל מחלוקות?
- וואס וויל איך יעצט?
- לערנען/חזר'ן
- זאגט די הייליגע רש"י
- די אמת'ע ציל
- **קלארקייט**
- ענדיגן ש"ס
- א טעם אין לערנען/פלאנן
- שיעור עיון
- למעשה, וואס טו איך יעצט?